שִׁירֵי עָם

פאלקס לידער

דְרַייא נַאייֶע לִידֶער צוּם זִינְגֶען מִיט מָאלָאדִיֶען.

א) רחל מבכה על בניה

ב) דער פוסטער פראנט.

ג) פון הדר זאגט מען ניט אויס.

פוי אליקום בדחן מווילנא

ווילנא

שנת תרס"ט לפ"ק

НАРОДНЫЯ ПѢСНИ.

Соч. Е, Цунзера.

Собст. и изд. Ф. Мацъ.

ВИЛЬНА.

типографія Л. Л. Маца, Завальная

1908 г.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

494

דער פוסטער פראנט

גוואלד ! וואו נעמט מען געלד ?

רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ

כה אמר ה' קול ברמה נשמע נהי
בכי תמרורים רחל מבכה על-בניה
מאנה להנחם על-בניה כי איננו.
(ירמיה ל"א ט"ו)

א.

דיא זון האט אן געוויזען אין מערב זייט
מיט דיא רויטע פלאמען אז זיא נעמט אפ שייד
אונ דיא נאכט מיט איהר פינצטערקייט
האט אן גיטאן דיא ערד אין אשווארצע קלייד
דיא וועלט מיט איהרע לייט שווייגען שטום
דיא נאטור שלאפט סייא בערג סייא טאל
דיא לבנה גייט זיך גאנץ שטיל ארום
פון דיא שטערן הערט מען אויך-קיין קול

נָאר אַשְׁטִימֶע דִיא שְׁטִילְקַייט צו שְׁלָאנְט
אַקוֹל פוּן אַפְרוּיא וַויינְט אוּנ קְלָאגְט
מִיט דִיא פִידִיל שְׁפִּילְט זִיא נָאךְ צִיא
אַטְרַאנְגֶעדִיעשֶׁע מֶעלָאדִיע
פוּן אִיהר נִיגוּן פוּן אִיהר גֶעוויין
קֶען דִיא כּוֹחוֹת אוֹיס גֵיין
אוּנ שְׁרַייט נֶעבַּאךְ פוּן אִיהר גִיצֶעלְט
פַאר וָואגִילְט בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט

ב.

אַקוּרְצֶע צַייט הָאבּ אִיךְ נַחַת גִיהַאט
בְּשַׁעַת גָאט הָאט אַייךְ אִין אַייֶער לַאנְד גֶעשְׁטִיצְט
דֶער מִזְבֵּחַ אִיז גִיוֶועזֶן מִיט קָרְבָּנוֹת זַאט
דִיא כְּרוּבִים מִיט דִיא פְלִינְגֶלֶען הָאבִּין אַייךְ בַּאשִׁיצְט
דָוִד'ס קִינְדֶער אִין אַקְרוֹין גִיקְלֵייט
דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִין זַיין קָאסְטְיוּם
אוּנ דִיא סַנְהֶדְרִין וִויא אַגִיפְלַאנְצְטֶער בֵּייט
אוּנ דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ וִויא אַפְרִילִינְגְס בְּלוּם
דְרַייא מָאהל אִין יָאהר אִין דֶער צַייט
גִיקוּמֶען פוּן נָאהֶענְט אוּנ פוּן וַוייט
דֶער בְּרֵיינְגְט קָרְבָּנוֹת צוּם שְׁלַאכְט

אונ דָער הָאט בִּיכּוּרִים גִיבְּרַאכְט
לְוִיִם הָאבִּין מִיט כֵּלִים גֶעשְׁפִּילְט
דָער אִיד הָאט זִיךְ הֵיילִיג גֶעפִילְט
דִיא גַאסִין מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט זַאט
דַאן הָאב אִיךְ נַחַת גִיהַאט

ג.

אָבֶּער צִיוֹן הָאט פַאר לָארֶען אִיהר פֶּערְגֶענִיגֶען
אִיהר מַאיָאנְטִיק פַאר שְׁפִּילְט אִין קָאן
דָער אָרְט בֵּית לָחֶם וואוּ מַיינֶע בֵּיינֶער לִיגֶען
גֵייט שׁוֹין אִין אֲבֵילוּת אָן גִיטָאן
דוּא בַּארְג לְבָנוֹן דוּא גוּטֶער פְרֵיינְד
וָואסֶערֶע פִּים צוּ טְרֶערט דִיךְ הַיינְט
דוּא בַּארְג מוֹרִיָה דוּא הֵיילִיגֶער אָרְט
אַמַאחְמַאדַאנֶער מַאצֶעט שְׁטֵייט נָאר דָארְט
דִיא גַאסִין שְׁטֵייעֶן שׁוֹין פּוּסְט
דִיא וָועגִין זֵיינֶען פַאר וִויסְט
אִין כַּרְמֶל קִיין בְּלוּמֶען בְּלִיט
דִיא טוּרְמֶעס גְלַאנְצִין שׁוֹין נִיט
דִיא כֹּהֲנִים וָואס הָאבִּין גֶעשְׁטִיפְט
דִיא נְבִיאִים וואוּ זֶעה אִיךְ זֵייא אִיצְט

וואו איז אייער קרוין אייער רייך
וואס איז היינט געווארין פון אייך

ד.

איך קוק איצט אויף ירושלים ביין מערב וואנד
איך זעה דארטין מיינע קינדער וויא קוילין שווארץ
זייא שפארין אפ דיא קאפ אויף דיא דארע הענד
אונ אכצין אונ קרעכצין, אז עס פאר קוועצט דאס הארץ
ניטא אין ירושלים קיין בוים קיין שטיין
וואס איז ניט געוועזן נאס, פון מיין קינדס געוויין
מיין קינד צו דריקען איז אקינדער שפיל
וואו מיא שיקט גיין ער דער ציל
פון מאלדאווע הער איך א געשרייא
מיין קינד שרייט דארט אוי ווייא
פון ארביען שרייט ער ניט גוט
מי פאר גיסט דארט וויא וואסער זיין בלוט
פון אזיען שרייט ער נעבאך שלעכט
דארטין געפינט ער קיין רעכט
אין פרס באוויינט ער דיא ערד
דארט טוט מען מיט זייא וויא מיט פערד

ה

אין הימעל דיא טויזענדער שטערין
באוויינען אלע מיין קינדס אומגליק
דיא אלע בוימער גיסען טרערין
דיא פייגלאך ענטפערין אויך צוריק
נאר דיא הארץ פון דיינע פיינד איז פאר שטיינט
דער אומגליק האט זיי דאס הארץ פאר שפארט
דער קראקאדיל דער אכזר טרעפט אויך ער וויינט
נאר דיינע שונאימס הארץ איז וויא אייזין הארט
אח גאט ענטפער שוין מיר
זאג שוין פיל איז דער שיעור
צו ליידין -אדאר נאך אדאר
אין צרות צוויי טויזענד יאר
איהר שטערין זאגט מיר אויב איהר ווייסט
איז דען אייביג פאר לארען מיין טרייסט
אוי גיין איך שפיר נאך איך שפיר
אח גאט ענטפער שוין מיר

קוֹל מִמְרוֹמִים

כה אמר ה׳ מנעי קולך מבכי
ועיניך מדמעה כי יש שכר
לפעולתך נאם־ה׳.
(ירמיה ל״א ט״ז)

א.

צִיא דוּ מַיין טָאכְטֶער מוּטְשְט עָס בְּרוּמֶען
דִיא אוֹיגֶען אִיז דִיר פוּל
דַיינֶע טְרֶערִין אִיז גִיקוּמֶען
צוּ מַיין הִימֶעל שְׁטוּל

ב.

גֶענוּג צוּ לָאזֶען טְרֶערִין רִינֶען
הֶער שׁוֹין אוֹיף דַיין לִיד
אִין יַם קֶען מֶען אַגְרוּנְד גֶעפִינֶען
צוּ דַיין טְרוֹיעֶר נִיט

ג.

דיין קינדס צרות צו בעשרייבין
קלעקט ניט קיין פאפיר
ווען אלע טייכען טרערין בלייבין
האט עס אויך קיין שיר

ד.

מאך מיין טאכטער מיר ניט שולדיג
אויף דיא צרות וואס ער האט
מיא דארף זיין רואיג אונ געדולדיג
אונ האפין צוא גאט

ה.

זאג דיא קינדער אין מיין נאמין
הערט אויף אייער קלאג
טרייסט דיין יוסף אונ בנימין
מיט דאס וואס איך דיר זאג

ו.

אויף מיין וועלט איז דא אפילו אומות
לעבין זיך גאנץ גרינג
נאר פילע לעבין נאך וויא בהמות
גלויבען אין אלץ דינג

ז.

דָער דִינְט צוּ וַואסֶער דָער צוּ פַּייֶער
גֶעטֶער פוּל דִיא שְׁטָאט
בַּייא דָעם אִיז גָאר אַיין אֵייזִיל טַייֶער
וַוייל דָאס אִיז זַיין גָאט

ח.

אוּנ זַייא גִיבֶּען גָאט אַקְרְבָּן
שֶׁעכְטִין מֶענְשִׁין פִיל
טוֹיזֶענְדֶער זַיינֶען צוּ שְׁטָארְבִּין
דוּרְךְ דִיא דוּהְמֶע שְׁפִּיל

ט.

זָע אִין אִינְדֶיעֶן בַּייא דִיא [illegible]
זַייֶער פַּייֶער טָאג
וָועט דָאס דִיר אַמָשָׁל קְלַיי[illegible]
טְרֵייסְטוּנְג צוּ דַיין קְלָאג

י.

אַז מִי שְׁלֶעפְּט אַוָואגִין מִיט גֶערִידְ[illegible]
מִיט רֶעדֶער אִפִּין גַאס
מֶענְשִׁין לֵייגֶען זִיךְ אַנִידֶער
אוּנ עֶר צוּא רֵייבְּט אוֹיף אַש

יא.

האלטין גאט פאר אשלעכטין
בלוט פאר לאנגט נאר גאט
שוטים מיינען אז מענשין שעכטין
איז דאס זיין גיבאט

יב.

נאר דער איד לעבט מיט קדושה
זיין גלויבין קוקט נאר צוא
ער גלויבט אין גאט אין תורת משה
ניט אין מיטהעלאגיא

יג.

אין אלע וועלטין איז גאט איינער
ניט יופיטער ניט מערקור
זיין קרבן איז אגעפיל אריינער
זיין בית המקדש דיא נאטור

יד.

וויא דיא זון בעלייכט וויפיל שטערין
אזו איז זיין רעליגיאן
ווער עס וויל אטעאלאג ווערין
קומט צו משה'ן אן

טו.

זיין גלויבין בלייבט אייביג דויער
פיל דיא וועלט וועט שטיין
נייל ער האט געבויט זיין מויער
פון נאטור אליין

טז.

ער זאגט אז דאס איז גאט גיפעלין
דאס נאר איז זיין פלאן
טוא קיין שלעכץ ניט דיין גיזעלין
אונ שטיין דעם ארומאן

יז.

פרעג זאלאן אונ פיטאגארוס
וואס זייא האבין ערקלערט
אן אגלויבין לייט מען צרות
ווער דעם הוילין שכל הערט

יח.

אהוילער קלערין טוט קיין טובה
דער מענש ווערט גיך געטייט
ער שטעלט נאך זיך אמצבה
לעבעדיגער הייט—

יט.

אֶמונָה איז אַשֵׁיינֶע צִירוּנְג
פַאר דֶעם וָואס איז גֶעזוּנְד
אֶמונָה איז אַלַייכְטֶע שְׁמִירוּנְג
צוּ דיא גְרֶעסְטֶע וואוּנְד

כ.

מִי בַארְף גָאר וִויסֶען דֶעם אַפְּטֵייקֶער
וואוּ צוּא קוֹיפִין דָאס—
דֶען עֶס טְרֶעפְט דיא דִינֶער זַיינֶען פְּלֶעקֶער
פַאר שְׁטֵייֶען נִיט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת

כא.

אֶמונָה איז דיא הַארְץ מְטַהֵר
פוּן שְׁווינְדִיל פוּן אַבְּמַאן
אֶמונָה איז אַפְרַיינְד אַטְרַייעֶר
פַאר דֶעם קְרַאנְקֶען מַאן

כב.

אֶמונָה איז דֶער גְרֶעסְטֶער גִבּוֹר
בְּשַׁעַת דֶער לֶעבִּין פֶעלְט
אֶמונָה טְרָאגְט איהם גַאנְץ לַייכְט אִיבֶּער
אַהִין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט

כג.

אֱמוּנָה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער טֶעמְפִּיל
אִין דֶעם מֶענְשִׁינְס הַארְץ
רַחֲמָנוּת צִינְט דָארְט אָן דֶעם לֶעמְפִּיל
צְדָקָה גִיט דָארְט חַארְץ

כד.

אָט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט אִיהר אִידִין
שׁוֹין דְרַייא טוֹיזֶעגְד יָאהר
אִיר קֶענְט מִיט אִים זַיין גַאנְץ צוּפְרִידִין
הֵיילִיג הַאלְט אִיהם נָאר

כה.

דָארְט וֶועט שׁוֹין דַיין פֵיינְד נִיט קוּמֶען
פַאר בְּרֶענֶען אִיהם אוֹיף קֵייל
דֶען בַּייא זִיךְ הָאסְטוּ דַיין אוֹנְג דַיין גוּמֶען
דַיין רַעֲיוֹן אוּנ דַיין מוֹיל

כו.

אוֹיבּ דֶער שׂוֹנֵא לֵייגְט אוֹיף דִיר אַשְׁטֶעמְפִּיל
פוּן זַיין בִּיקְס דִיא שְׂנָאט
לוֹיף אַרַיין אִין הַארְצִין צוּ זִיךְ אִין טֶעמְפִּיל
בְּלַייבְּסְטוּ בַּייא דַיין גָאט

כז.

דרום מיין קינד הער אויף צו קלאגין
מען מוז געדולדיג זיין
צום ענדע נאכט וועט דיר אויס טאגין
וועסט נאך זעהען די שיין

כח.

איך האב אויך פאר זאגט די פראפעטין
ווילט איר ניט גיין צו שטראנד
זאלט איר נאר גאט פארין קיינער בעטין
אונ פאר די פריד פון לאנד

כט.

ווען נאר פריד איז ביי איך פראגען
דאמאלס מיין הארץ קוועלט
זייט נאר טרייע אונטער טאנען
אונ נוציג פאר דער וועלט

ל.

אונ מיט די פעלקער לעבט אין פריד
בייכט זייא טרייא דאס האנד
אין שול ביי מיר זייט איך אידין
אונ מענשין פאר דעם לאנד

דיא זון וואַרעמט אין צפון קאַנט
בלומען וואַקסין שוין
דוא וועסט נאך זיין אַבורלאַנט
געשאצט, שיין, ריין

לב.

מי וועט דיר נאך זעצין אויבין
אין אשיין גיצעלט
מי וועט דער קאַנען דיין גלויבין
אין דער גאַנצער וועלט

לג.

נאר צייל דיא טעג צייל דיא יאָרין
דער קוואַל גייט נאך ניט אויס
דורך זייא ביסטו גאַנץ קליין געוואָרין
דורך זייא וועסטו זיין גרויס

ע נ ד ע

דֶער פּוּסְטֶער פְּרַאנְט.

א.

אִיךְ בִּין זִיךְ מִיר אַפְּרַאנְט
פוּן דֶער נַייֶער וֶועלְט
מִיט הַאנְדְשׁוּה אַפִּין הַאנְט
דָאס הֶערְצֶעלֶע אוֹיס גִישְׁטֶעלְט
אַרֶעקֶעלֶע וִויא אַשְׂרָרָה
מִיט גוּמֶענֶע קַאלָאשִׁין
דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
וואוּ נֶעמְט מֶען דָאךְ דֶעם גְרָאשִׁין

ב.

דִיא הֶערֶעלַאךְ צוּ פַּאר קַאמֶען
עֶס בְּלִישְׁצֶעט עֶס פַּאר בְּרֶענְט
אִיךְ גִיפֶעל מִיר אַלֶע דַאמֶען
מִיט מַיין קָאמְפְּלִימֶענְט

אַמְנִישְׁקֶעלֶע אַקְלָארֶע
אַקֶעלְגֶעריל וויא אַחָתָן
דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
וואו נֶעמְט מֶען פָארְט דֶעם גְרָאשִׁין

ג.

אִיךְ מַאךְ דַאמֶען אַוויזִיט
וֶועלְכֶע הָאבִּין נִיט קַיין מַאנֶען
אִיךְ רֵייד מִיר אִין דֶער מִיט
פוּן לִיבֶּעס פוּן רָאמַאנֶען
אִיךְ דֶער מַאן זֵיי גֶעשְׂהָא שִׁילְלֶער
חָאץ אִיךְ הָאבּ אִין דֶעם קַיין דֵעָה
דָאס אִיז נָאר דֶער פֶּעלֶער
וואו נֶעמְט מֶען דִיא מַטְבֵּעַ

ד.

מַיין פַּאפִּירָאס אִיז אויךְ אַשְׁפִּיצִיל
דָאס נַאר אִיךְ אָם דִיא קִישְׁקֶע
אַז דִיא הֶעמְד אִיז נִיטָא אַפִּיצִיל
פַאר שְׁטֶעלְט דָאס דִיא מְנִישְׁקֶע
אַז דִיא שְׁטִיוִויל אִיז צוּ פְלִיקְט

פַאר שְׁטֶעלְט עֶס דִיא קַאלְאשְׁין
עֶס וָואלְט מִיר גַאנְץ גוט גֶעגְלִיקְט
דִיא צָרָה אִיז פָאְרט דֶער גְרָאשְׁין

ה.

וִויגֶען זִיךְ הָאט אַמַעלָה
אָבֶער אַחְסָרוֹן אִין דֶער מִיט
אַז מִי וִויגְט זִיךְ דוּרְךְ אַנוייל
בַּאקוּמְט מֶען אַפֶּעטִיט
אִיךְ וָואלְט אַמִיטֶעל קְרִיגִין
דֶעם הוּנְגֶער צוּ פַאר שְׁלָאגִין
וֶוען נִיט וָואס טָאג דֶער וִויגִין

ו.

וָואלְט אִיךְ נָאר הָאבִּין גֶעלְט
וָואלְט אִיךְ מִיר לֶעבִּין אַפְּרַאכְט
אִיךְ וָואלְט נִיט דַארְפִין לַיידִין קֶעלְט
אוּנ הוּנְגֶערִין טָאג אוּנ נַאכְט
אִיךְ וָואלְט לֶעבִּין וִויא אַשְׂרָרָה
אוּנ אַלְדָאס גוּטְץ גִינָאבִּין

דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
וָואס אִיז נִיטָא אַגְרָאשִׁין

ז.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָוארִין אַמַאן
פוּן אַשֵׁיינֶע פְרוֹי
זיא זָאל שְׁפִּילֶען פָּארְטֶעפְּיַאן
אוּנ זָאגִין בָּאן זור מָאסִיוֹ
אִיךְ וָואלְט אִיר רוּפֶען פְלָארֶע
דֶער וַוארֶער נָאמֶען פַאר שְׁטֶעלִיא
דָאס אִיז נָאר דִיא צָרָה
גְוַואלְדוּ וואו נֶעמְט מֶען גֶעלְט !

ח.

אַדִירָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט
צוּ וואוינֶען אִין גֶעפּוּצְטֶע זַאלִין
אוֹיף פֶּעטֶערְבּוּרְג גִימָאלְט
אוּי בִּין אִיךְ אַבַּאלִין
אַפִּין פֶּענְצְטֶער אַגַארְדִין
בְּרָאנְזֶעטְקֶעס אוֹיךְ גִיגָאסִין
אָט דָאס אִיז דֶער גְזַר דִין
וָואס אִיז נִיטָא אַגְרָאשִׁיו

ט.

אין אַטֵייַערין עֶקִיפַּאז
וָואלְטּ איךְ פָּארין אין טֶעאַטֶּער
אונ זִיצֶען אין בֶּעל אַטַאז
לֶעבִּין גוּבֶּער נַאטָאר
איךְ וָואלְט הַאלְטִין אַלַארְגֶעט
בַּאטְרַאכְטִין שֵׁיינֶע דַאמֶען
דָאס איז נָאר דֶער חֵטְא
ווִיא קְלֵייבְּט מֶען גֶעלְד צוּ זַאמֶען

י.

אין אָקֶע וָואלְט איךְ גֶעשְׁפִּילְט
סְטַווְקֶע אַרוּבִּיל גִישְׁטֶעלְט
אונ אַז אַקֶערְטִיל גִילְט
איז צְווַאנְצִיג נִיט קֵיין גֶעלְט
נַארוּסִין וָואלְט טְרָעפִין פֶּעק
אַמָאל נָאךְ אויךְ פִיר קֶענִיג
נָאר וָואס הַארְגֶעט מִיךְ אַוֶועק
וָואס איךְ הָאב נָאךְ נִיט אַפֶּענִיג

יא.

אויף מאסקבאדין וואלט איך גלאנצי
מיט האנדשוה מיט אפראק
מיט דאמען וואלט איך טאנצין
קאדריל אונ קראקעוויאק
איך וואלט לויפין גרינג אין רעש
איך וואלט ווייזין מיין השלמה
נאר עס איז ניטא אין טאש
צו ראשין ביא דער נשמה

עצ״ק

[illegible]

פון חדר זאגט מען ניט אויס

ערשטער טהייל

א.

ווען איך בין אלעס קינד אין חדר גיגאנגען
איך האב באטראכט דעם רבינס קאנציק מיט זיין טובה
דיא כשרה רעבעצין מיטין פארטוך פאר האנגען
דעם ליבען באהעלפער דעם זולל וסובא
דיא רעבעצין פלעגט הייסין וואסער אונז טראגין
דער בעהעלפער מיט דיא מיטאגס האט יחדו גימאכט
דער רבי פלעגט פאצין שמייסין אונ שלאגין
דער צו נאך פאר זאגין איין הודעה פאר נאכט
קינדער וואס גיהערט וואס גיזעהען
גידיינקט איך לאז אייך איצט לויז
דיא מאמע וועט פרעגין וואס ווען
פון חדר זאגט מען ניט אויס

ב.

מיט דיא זעלבע מורא, בין איך אויס געוואקסין
איך האב ערסט דער זעהען אז דיא וועלט איז דער חדר
אונזער רבי איז דיא צייט דער עקשן
פון זיין קאנציק ציטערט אלע גלידער
היינט נארט אויס איינער דעם אנדערינס ביסין
פראסט אז מי רייסט שוין מיט גוואלד פון מויל
דער שטילער דער ערליכער ווערט אויס געריסין
רציחות אונ עולות אז עס נעמט אן אגרויל
נאר דיא צייט האט מיר באלד ערקלערט
אז איך בין נאך פון הדר ניט ארויס
ברודער וואס גיזעהען וואס גיהערט
פון הדר זאגט מען ניט אויס

ג.

איך וויים אז דער איד האט זיין עהרע פאר לארין
לאזט זיך רייסין דיא פאות, נאר אקעגביל דער פאר
צייט ער איז אין פולין פאר טריבען געווארין
ביין משוגענעם פריץ צו זיין ארבאנדאר
ער רופט דעם אידין זיד פארהאטי
אונ ער רופט אים פאנאציק אונ קוסט אים דיא האנט

אונ אַלֶע שְׁרַייֶען נָאךְ אַז יַאנְקֶעל פּוּסְקַאטֶע
איז אַתַּקִיף בַּיין פְּרִיץ אַפְּלִיגִיל אַדְיוּטַאנְט
אונ דֶער פָּרִיץ וַוארְפְט אִיהם צוּ דֶער עֶרְד
זַיין בֶּערְדִיל צוּפְּט עֶר אִיהם אוֹיס
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אוּנ גִיהֶערְט
נָאר פוּן חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס

ד.

אָט דֶער זֶעלְבִּיגֶער אִיד וָואס לֶעבְּט אִין סַכָּנָה
אַז דֶער פָּרִיץ זָאגְט אִים וָואן, הָאט עֶר שׁוֹין אַזְכִיָה
קוּמְט עֶר אָבֶּער אִין שׁוּל, אִיז עֶר אַיין אַתָּה בְּחַרְתָּנוּ
אוּנ חֲמִישִׁי אִיז עֶס שׁוֹין אַקְלֵיינֶע עֲלִיָה
צוּ עֲלִיּוֹת, צוּ הַקָפוֹת, צוּ אַתָּה הָרְאֵתָ
דָא וֶוערְט שׁוֹין כָּבוֹד גֶעוואוֹינְן אַפִּין שָׁאל
חוֹל הַמוֹעֵד צוּם קַלְפֵּי פַאר אַנְבַּאי מְהֵכִי תֵּיתָא
וֶוען נִיט אִיז זָלְזוּלִים אִין שׁוּל אַפִּין קָאל
דֶער שִׁילְט דֶער זִידֶעלְט דֶער שְׁוֶוערְט
דֶער שְׁרַייט אִין שׁוּל מַמְזֵר אַרוֹיס
אָיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אוּנ גִיהֶערְט
נָאר פוּן חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס

ה.

אז איך גיב אַקוק אויף דיא אידעשע קראָמען
פלאצט מיר מיין גאַל, איך האַלט עס ניט אויס
זעצין אָן קרעמערקעס עשרת בני המן
אונ אַלע פאָר נומערעס פון קליין ביז גרויס
גייט דורך אַמענש ווערט לארעס אונ יללות
אונ דראַקעס אַז פליהען פייער טעפּ אין קאָפּ
עס רוישט דיא גאַס פון קולות מיט קללות
ביז מי בייסט דעם סוחר דעם אַרביל אַראָפּ
וואס קען האָבין דער איד פאַר אַוועקט
אַז זיין האַנדיל זעהט אַזוי אויס
איך האָב נאָך מערער גיזעהען אונ גיהערט
פאַר פון חדר זאָגט מען ניט אויס

ו.

איך וייס גאַנץ גוט, אַז דער איד האָט ערכות
מעהר פאַר יעדער נאציאן אין דער וועלט
ער צאָלט פון פליש, פון מצה, פון ליכט, פון ברכות
ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, אונ עס קאָסט רק געלט
דער קריסט האָט דאָך אויך שפּיטעלער פּריוואַטין
ער האָט אַבּאַגודעלנע, אונ אַפּאַרקען אַרום זיין פעלד

עֶר הָאט אויף לֶעהרֶע שולין, עֶר גִיט אויף רֶעקְרוטִין
אונ צָאלְט קֵיין קַארָאפְּקֶע אונ גִיט קֵיין קְבוּרָה גֶעלְד
אונ דֶער אִיד אִיז מִיט לַאסְטִין בַּאשְׁוֶוערְט
אֵייבִּיג צָאלְט עֶר זִיךְ נִיט אוים
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אונ גִיהֶערְט
נָאר פון חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוים

ז.

אִיךְ ווַייס גַאנְץ גוּט, אַז פִילֶע מֶענְשִׁין
הַאלְטִין טֶערְמִין צו ליב קָאנְטֶע אויף ווייטֶער
דֶער הַאלְטִין דִיא רַאטֶע, אִיז דְוְוקָא מִיט קונְצִין
דֶען הַיינְטִינֶע וועלְט, אִיז גוּט וָואס גִישַׁייטֶער
בַּאקוּמְט מֶען נָאר אֵיינֶעם אַווִיץ שְׁטָאק אַפְּבֵייעֶר
מַאכְט מֶען אִים צִיכְטִיג אַז עֶס קְרֵייט נִיט קֵיין הָאן
הָאץ יֶענֶעם קוּמְט אוים צו גֵיין הָאץ אִין פַייעֶר
וָואס אַרְט דָאס ווֶעמֶען וָואס גֵייט דָאס דֶערָאן
דְרוּם אִיז קְרִידִיטוּנְג גֶעשְׁטֶערְט
אַז מִיא גִיט פְּרָאסְט פון הַאנְד נִיט אַרוֹיס
אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אונ גִיהֶערְט
נָאר פון חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוים

ח.

איך ווייס אַז דער איד טוט פאַרקערט גאַר
וויא דיא גמרא האט גיגעבין אין לערנען דעם סדר
ניט צו פופצין גאַר צו זיבען יאהר
לערינט ער תּלמוד אין זיין פאַר שפּאַרטין חדר
אַז ער קען נאך ניט דיא וועלט, מיט איהרע רמאות
צו דיני ממונות איז ער נאך אַקינד
אַז ער ווייס ניט וואס באַטייט דיא ווייבערשע המצאות
אונ צום סדר פון נשים איז ער נאך גאַר בלינד
אונ דאַ איז דיא עברי גישטערט
אוואַרט ריין גייט ניט ארויס
איך האב מערער גיזעהען אונ גיהערט
נאַר פון חדר זאגט מען ניט אויס

ט.

מיא וואַרט נאר דער אינגיל זאל דרייצין יאר ווערין
באַוייזט זיך שוין אין חדר אמחותנים אַאיז
אין אַשלומפּער מיט אַוּביל ארויטין נאז מיט אַשטערין
דער געלינקער אינגעלע ציטערט גליד פאַר גליד
דאַלד ווערט אַ אַרעס, פראַסט ביז אַדראַקע

דער איד מיט דעם רעבין, דער אינגעל דער שאפעט
דיא מוטער קוועלט, פון דיא רייד דיא געשמאקע
אונז צום סוף באקומט ער, אין טעקעלע אגלעט
מי זעט אז דיא כלה איז באשערט
מזל טוב שרייט מען אוים
איך האב נאך דארטין מערער גיהערט
נאר פון חדר זאגט מען ניט אוים

י.

מי הולעט אחתונה מיא פאר געסט אן שמערצין
אז דער זיווג איז גלייך, דאס זעט מען בחוש
ער קוים בר מצוה, זיא אמאר פערצין
זיי קענען גיין שפאצירען אונטערין טיש
מי עסט הארטע קעז, מזל טוב אין גאנצין
ווייבערלאך פאצט! איהר האט נחת דער לעבט
בידע מחותענעסטעס אשעמעלע טאנצין
דעם חתן אחאמעט, איז דער בעסטער רעצעפט
אזו איך שטייא פון ווייטין, מיר גרוילט
ווי דיא דומהייט בייא אידין איז גרוים
פון... וואלט איך נאך דער ציילט
נאר פון חדר זאגט מען ניט אוים

יא.

װֶען מִיר שַׁיינְט מַיין גְלִיק, הָאבּ אִיךְ אַבּוּגֶעגְטִין
אִיךְ הָאבּ שׁוֹין קְרוֹבִים, וָואס פְרַיינְדְלֶען זִיךְ גַאנְץ פֶעסְט
מִי קוּמְט מִיט חֲנִיפוֹת, מִיט פַאלְשֶׁע קָאמְפְּלִימֶענְטִין
אַשַׁבָּת אַיוֹם טוֹב, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פוּל גֶעסְט
אִיךְ גִידֵיינְק װֶען אִיךְ בִּין אַיָתוֹם גֶעבְּלִיבִּין
בִּין אִיךְ גִיװֶען עֶלִינְד, קֵיין גוֹאֵל קֵיין פְרַיינְד
אַח אִיהר מֶענְשִׁין! אִיהר זַייט װִיא פְלִיגִין
אִיהר קוּמְט צוּ פְלִיהֶען װֶען דִיא זוּן מִיר שַׁיינְט
אוּנ װֶען מַיין רֶעדִיל װֶערְט אִיבֶּער גִיקֶעקְרְט
אַנְטְלוֹיפְט מֶען פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס
אִיךְ הָאבּ מֶערֶער גִיזֶעהֶען אוּנ גִיהָערְט
נָאר פוּן חֵדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס

יב.

הַכְּלָל אִין װֶעלְט חֵדֶר זֶעהְט מֶען זִיךְ אָן
אַגְרוֹיסִין זְוָארִינֶעץ מִיט אַלֶערְלֵיי חַיוֹת
אַמִיגֶער אַפּוּקְס—אַװִילְדֶער הָאן—
אַאַבּוּזַאנֶע אִין אַקַאפֶּעלוּשׁ! מִיט אִיהרֶע חַיוֹת
אֵייזְלֶען אוּנ פֶערְד—װֶעלְף אוּנ בֶּערִין—
גִיפְּטִיגֶע שְׁלַאנְגֶען—קֶעץ אוּנ מַייז—

שְׁלַאפִינֶקְע שֶׁעפְּסֶעלַאךְ, וָואס לָאזִין זיךְ שֶׁעוֵי
אוּנ אָפְּטֶער צוּ זַיין פַאר דִיא חַיוֹת אַשְׁפַּייז--
דֶער בְּרוּמְט, דֶער טַאנְצְט דֶער יָאגְט,
דֶעם דְרִיקְט מֶען דִיא נְשָׁמָה אַרוֹיס--
דֶעם נִמְשָׁל—וָואלְט אִיךְ נָאךְ גִיזָאגְט
גָאר פוּן חֶדֶר זָאגְט מֶען נִיט אוֹיס:

ע נ ד ע